# נקדישך

די אומשאצבארע
**סגולה**
און די געוואלדיגע
**מעלה**
פון
**נישט רעדן ביים דאווענען**

גליון ה׳

## געשלאסן דעם "דיעל"

ביטע מפרסם זיין די פאר שורות לתועלת וזיכוי הרבים.

עטליכע יאר צוריק בין איך געווען אין א קבוצה מיט נאך עטליכע אינגעלייט וואס פלעגן זיך צוזאמענקומען איין מאל אין א פאר וואכן הערן וויכטיגע הלכות וואס זענען נוגע דבר יום ביומו און זיך מחזק זיין דערין. דער מגיד שיעור וואס פלעגט קומען פארלערנען פאר אונז די הלכות איז געווען הרה"ג ר' יעקב יוסף ברייער שליט"א, וועלכער פלעגט מרביץ זיין תורה והוראה אין שיכון סקווירא און איז שפעטער נתעלה געווארן אלס דיין אין דער סקווירער קהילה אין אנטווערפן.

איינמאל, אין די שובבי"ם-טעג, ווען ער האט פארגעלערענט פאר אונז, האט ער בתוך הדברים דערציילט אז ער האט געהערט אמאל אויף איינעם מגדולי הרבנים שליט"א, אז איינמאל האלטנדיג א דרשה אין בית המדרש האט ער צוגעזאגט אז ווער עס וועט זיך פארנעמען אז דעם יאר וועט ער נזהר זיין אין קדושת בית המדרש און נישט רעדן "פון אדון עולם ביז אדון עולם", וועט דער רבוש"ע אים העלפן, אז עס וועט אים נישט פעלן קיין פרנסה "פון אדון עולם ביז אדון עולם", דאס הייסט פון ראש השנה ביז ראש השנה. ער האט דערציילט אז אידן האבן טאקע זוכה געווען צו ישועות נפלאות שלא כדרך הטבע אין דעם ענין.

ווען איך האב דאס געהערט בין איך זייער נתרגש געווארן דערפון, ווייל איך האב דעמאלט געארבעט אויף א פלאץ וואו איך בין געווען ארומגענומען מיט פארשידענע שוועריגקייטן. איך האב שוין אסאך מאל געוואלט ארויסגיין פון דארט און שטארק ארויסגעקוקט אויף א דזשאב וואס צאלט זיך גוט אויף דער שעה און האט אויך א גוטן עתיד. יעצט, ווען איך האב געהערט די נקודה ווען נישט רעדן "פון אדון עולם ביז אדון עולם", אז עס ברענגט פרנסה "פון אדון עולם ביז אדון עולם", האט עס מיר געריררט. נאכ'ן שיעור גיב איך א פרעג פון הרה"ג ר' יעקב יוסף, האלב שמייכלדיג, האלב ערנסט, צי ער גיט אויך יעצט דעם צוזאג, און ער ענטפערט מיר: אוודאי, וואס איז די שאלה? מען זעט אין אלע ספרים אז וויפיל מען איז מכבד דאס בית הכנסת, אזויפיל שפע קומט אראפ. "נעם זיך פאר," האט ער מיר געזאגט, "און וועסט אויך זוכה זיין צו א שפע מן השמים.

דא בין איך געווען אין א פארלעגנהייט. בעצם בין איך געווען פון די וואס האבן אלץ צו רעדן און דערציילן, און א חוץ דעם האב איך די זכי' ארויסצוהעלפן אסאך אידן דורכ'ן טון פארשידענע עסקנות'ן, און יא, דאס בית המדרש איז אלא געווען פאר מיר א גוטער פלאץ צו פארברענגען מיט מענטשן. און יעצט זאל איך ג'יין דאס ברעכן, און טאקע פונקט שבת ווען איך טרעף אלע מיינע

> "אויב וועט איר מיר פרעגן
>
> **צי איז נישט רעדן ביים דאווענען, א שווערע זאך?**
>
> וועל איך אייך ענטפערן דעם טרוקענעם אמת -
>
> **ס'איז זייער א שווערע זאך!**
>
> עס איז די איינציגסטע צייט פון וואך ווען מען טרעפט זיך מיט אזויפיל חברים און מען יאגט זיך נישט
>
> **אבער עס לוינט זיך פשוט פראקטיש ווייל "בני, חיי, ומזוני!"**

פריינט אונטער איין דאך און איך האב יעדן ביי דער האנט, און זיך פארשליסן דאס מויל "פון אדון עולם ביז אדון עולם"? עס איז מיר געווען זייער שווער זיך דאס אונטערצונעמען, אבער פון דער אנדערער זייט איז דער מצב הפרנסה מיר אויך שווער געווען, און אט האט מען מן השמים מיר מזמין געווען צו הערן די ווערטער, און דער דיין שטייט דא און פארזיכערט מיר, אז יא, עס איז אן עת רצון, הגם פארא "טייערן פרייז", אויפצוהערן דבר'ן אין בית המדרש.

שטיי איך דארט אזוי פארטראכט, און איך גיב מיר א רוף אן צו אן אנדערן חבר פון דער קבוצה וועלכער האט מיטגעהאלטן מיין געשפרעך מיטן דיין: "נו, מיר גייען איין אויפ'ן געשעפט?" יענער, אויך ווייט פון א קליינער שמועסער, גיט א קלארן ענטפער: "יא, איך נעם זיך פאר." אז ער האט געמאכט דעם דיעל, וועל איך נישט בלייבן אויסגעשפילט אינדרויסן, רוף איך זיך אויך אן פאר'ן דיין אז איך בין אויך מסכים צום דיעל. הרב ברייער האט אונז ביידע אנגעוואונטשן, און מיר האבן זיך געשיידט מיט'ן גוטן געפיל אז מיר האבן געמאכט א פיין געשעפט.

עס איז געקומען די ערשטע וואך שבת אין בית המדרש, און איך בין שטיל. עס איז נישט געווען גרינג. מיינע חברים זענען צוגעקומען צו מיר ביים לייענען, ווי אלעמאל. אבער איך האב זיי מודיע געווען אז עס איז דא א טויש אינעם געווענליכן פלאן. איך בין מער נישט "אוועילעבעל" אין דער צייט פון דאווענען און מען וועט מוזן טרעפן נייע צייטן צו פארברענגען. אזוי איז געווען די צווייטע וואך. דער נסיון קומט נישט אן גרינג, אבער דער עולם ווייסט שוין אז דערווייל בלייבט עס אזוי.

די דריטע וואך איז עס געשען. איין טאג, ווען איך האב געהאלטן ביים ארויסגיין פונעם געשעפט וואו איך האב געארבעט, רופט מיר צו דער בעלהבית און זאגט אז ער דארף רעדן צו מיר. איך האב נישט געוואוסט וואס עס קומט יעצט, צי א "רעיס", אדער א פסק, אבער איין זאך וואס איך האב זיכער נישט ערווארטעט צו הערן איז געווען דאס פאלגנדע: ער זאגט מיר אז עס זענען אים אונטערגעקומען אנדערע סארט געשעפטן און וויל זיך דערין מער אריינלייגן, און דעריבער איז ער גרייט מיר אוועקצוגעבן דאס געשעפט, אן קיין שווערע תנאים: די איינציגסטע זאך וואס ער האט פארלאנגט איז אז איך זאל ווייטער קויפן די סחורה ביים זעלבן פלאץ וואו ער פלעגט קויפן צוליב דעם וואס ער האט אן אפמאך מיט יענעם.

איך האב זיך אוודאי צוגעכאפט צו דעם עסק און איבערגענומען דאס געשעפט, און פון אן ארבעטער וואס האט זיך געמוטשעט שווער צו פארדינען, בין איך געווארן א שיינער בעל-הבית פאר זיך, און ברוך

ה', איך פארדין שיין און בלייב נאך אויך מיט צייט עוסק צו זיין אין טון מצוות און מעשים טובים.

ווילט איר דאך אוודאי אויך וויסן, וואס ס'איז געווארן מיטין אנדערן חבר, מיין שותף לדבר מצוה, וועלכער האט זיך אויך צוגעכאפט זיך צו האלטן שטיל אין בית המדרש א גאנץ דאווענען. וועל איך אייך דערציילן, אז דער חבר האט זיך פריער אויך זייער געמוטשעט מיט פרנסה, און לאמיר צולייגן, אפילו אסאך מער ווי איך. ער האט זיך ממש נישט געקענט קיין עצה געבן פשוט צו דעקן די חודש'ליכע הוצאות, ווי רענט.

א פאר וואכן נאכדעם וואס מיר האבן געמאכט דעם "דיעל", איז דער אינגערמאן אריין אין א באשעפטיגונג מיט עפעס, וואס אסאך פון אונזערע אידן זענען עוסק דערין און נישט יעדער פון זיי איז דווקא מצליח. פון דער מינוט אן וואס דער איד איז אריין דערין האט ער שטארק מצליח געווען. דער ביזנעס איז זיך בליץ-שנעל צעוואקסן שלא כדרך הטבע. ער האט באלד געדארפט צונעמען נאך און נאך ארבעטער, און פון איינער וואס האט גארנישט געהאט צו זיין נאמען, איז ער געווארן א שיינער גביר וועלכער טוט צדקה וחסד און העלפט אן א שיעור אידן. ווען מען פרעגט אים, "אין וואס ביסטו תולה דיין הצלחה?" איז זיין ענטפער, אז מיר זענען נישט אין הימל, אבער געשען איז עס שלא כדרך הטבע, און באלד נאכדעם וואס ער האט זיך פארגענומען נישט צו רעדן "פון אדון עולם ביז אדון עולם".

איך וויל מסיים זיין מיט א נקודה פאר די חשוב'ע לומדים פונעם גליון:

אויב וועט איר מיר פרעגן, צי נישט רעדן ביים דאווענען איז א שווערע זאך, וועל איך אייך ענטפערן דעם טרוקענעם אמת - ס'איז זייער א שווערע זאך. עס איז די איינציגסטע צייט פון וואך ווען מען טרעפט זיך מיט אזויפיל חברים און מען יאגט זיך נישט, אבער עס לוינט זיך פשוט פראקטיש, ווייל "בני חיי ומזוני", דאס זענען די דריי וויכטיגסטע זאכן וואס יעדער מענטש דארף האבן וויכטיג און איז גרייט צו צאלן דערפאר אלעס אין דער וועלט. לאמיר מאכן א פשוט'ן חשבון:

**בני:** אין כמעט יעדן ספר וואס רעדט פון קדושת בית המדרש, זעט מען די נקודה אז עס איז נישט שייך קיין גרעסערער שטער פאר חינוך הבנים ווידאס וואס קינדער זעען זייער טאטן ארומשמועסן אין בית המדרש ביים דאווענען.

איך וויל צולייגן דערצו א זיסע מעשה וואס איז מיר חביב ווייל איך האב עס געהערט בשם דעם בעל המעשה אליין. פון אויבן אויף, קוקט ער אויס ווי גאנץ א פשוט'ער בעל-הבית, אבער ער האט קינדער עפעס איינס אין דער וועלט! זיי זענען די בעסטע אין ישיבה און אין חדר. אמאל האט אים א געוויסער מגיד שיעור געבעטן, ער זאל אים זאגן "במה זכית", ווי אזוי האט ער צו אזעלכעס זוכה געווען? זאגט דער איד: "איך ווייס נישט; מיר זענען דאך נישט אין הימל. אבער איין זאך קען איך זאגן - איך בין בעצם א גרויסער שמועסער, און אמאל איז מיר אויסגעקומען צו זען וועגן קדושת בית הכנסת און איך האב מחליט געווען אז איך הער אויף. איך האב געזאגט צום רבוש"ע, "מהיום והלאה הייב איך אן היטן אויפן כבוד פון דיין הויז, עס זאל זיין ריין און איך בעט דיר, אז דו זאלסט היטן אז מיין הויז זאל זיין ריין." און דער אינגערמאן פירט אויס אז ווי עס זעט אויס, איז מיין תפילה נתקבל געווארן.

**חיי:** וואס דארפן מיר מער, ווי דאס עדות פונעם הייליגן "תוספת יו"ט", אז די גזירות רעות, די שרעקליכע רציחות פון גזירות ת"ח ות"ט, זענען געקומען צוליב דעם וואס מען האט ארומגעשמועסט אין בית המדרש אינמיטן דאווענען און קריאת התורה.

און וואס דארפן מיר מער פון דעם עדות וואס מיר האבן נאך אריינגעכאפט צו הערן פון דעם פוסק הדור, בעל "שבט הלוי" זצ"ל, וועלכער האט מיט א קלארקייט געזאגט אז ער איז זיכער אז אויב וואלט מען אויפגעהערט שמועסן ביים דאווענען און לייענען וואלט די ביטערע מחלה ר"ל בטל געווארן פון אונז.

**מזוני:** עס זענען דא די קלארע ווערטער פון חכמז"ל, אז די גאנצע שפע איז אין דעם געוואנדן, און ווי איר האט שוין אזוי פיל געשריבן איבער דער סגולה פון נישט רעדן "פון אדון עולם ביז אדון עולם", וואס אין דעם זכות וועלן מיר זוכה זיין אז עס זאל נישט פעלן קיין פרנסה "פון אדון עולם ביז אדון עולם".

ע"כ, טייערע אידן! לאמיר צאלן דעם טייערן פרייז אוועקצוגעבן אונזער הנאה פון שמועסן ביים דאווענען, און אין דעם זכות וועלן מיר קריגן וואס עס איז ווערט יעדן פרייז: בני, חיי ומזוני רויחי פאר יעדן איינעם, געזונט, נחת, פרנסה בהרחבה, און זוכה זיין להכתב בספרן של צדיקים לשנה טובה ומתוקה.

(-)

(גליון הליכות החיים)

